# פרשת וישלח י׳ – ט״ז כסלו תשע״ט לפ״ק

***יום ראשון פרשת וישלח***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל **הגה״צ רבי יחיאל מאיר כ״ץ שליט״א** אב״ד דזשיבוי מאנטריאל, ואחיו **הגה״צ רבי מנשה כ״ץ שליט״א** אב״ד פריימאן, שישבו שבעה על פטירת אחיהם **הגה״צ אב״ד קאפיש זצ״ל** (שלא היו נוכחים כשבא **רבינו שליט״א** לנחם האבלים במוצש״ק העעל״ט).

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** אז מען מעג מבקר חולה זיין צוויי מאל, מעג מען מנחם אבל זיין צוויי מאל.

**אב״ד דזשיבוי:** ווען איך האב געלערנט אין ארץ ישראל, איז **רבי דוד יונגרייז זצ״ל** דעמאלטס נפטר געווארן, און **הרב וואזנער זצ״ל** האט אים מספיד געווען, האט ער געזאגט, אז די וועלט זאגט, אז דער הייליגער **חתם סופר זצ״ל** איז געווען א מורא׳דיגער עניו, און זיין שווער דער **רבי עקיבא איגר זצ״ל** איז אויך געווען א עניו בישראל. וואס איז געווען דער חילוק צווישן די צוויי? האט ער געזאגט, דער הייליגער **חתם סופר** האט געוואוסט אז ער איז רבן של כל בני הגולה, מען האט דאך אים אנגעפרעגט שאלות פון אלע זייטן, און עם כל זה איז ער געווען א עניו. דער **רבי עקיבא איגר** האט אפילו נישט געוואוסט אז ער איז דער רבן של כל בני הגולה. - מיין ברודער דער **קאפישער רב זצ״ל** האט אזוי נישט געוואוסט פון זיך, אז ער איז עפעס תופס מקום.

**רבינו:** איך האט געהערט פון **מיין טאטן ז״ל**, אז דער **רבי עקיבא איגר** האט געהאט א הויקער. עס איז דא א בילד אין **אגרות סופרים**, וואס ווען מען ווייסט אז ער האט געהאט א הויקער, דערקענט מען עס. און ער איז אמאל אנגעקומען אין א שטאט, און די גאנצע שטאט איז ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין. האט ער זיך אנגערופן, די מענטשען האבן נאך קיינמאל נישט געזעהן א מענטש מיט א הויקער?!

**אב״ד דזשיבוי:** דער זון שרייבט ערגעץ, אז ער איז געווען א איידעם אין פוילן, און ווען ער האט חתונה געהאט, האט דער **רבי עקיבא איגר** געהאט דארט כבוד מלכים, מען איז געשטאנען אויף די פענסטערס און די טאראסעס. און ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געזאגט, ב״ה המשנה לא זזה ממקומה. די משנה פון מאוד מאוד הוי שפל רוח (אבות ד-ד), האט זיך נישט גערירט. ער איז נישט נתפעל געווארן. ער האט געארבעט אויף זיך, און עס איז אים געלונגען, ב״ה המשנה לא זזה ממקומה.

**א׳ מהנוכחים:** מען זאגט נאך אויפן **רבי עקיבא איגר**, אז ער האט געשריבן פאר א צווייטען די טיטלען וואס מען האט געשריבן אויף אים.

**אב״ד פריימאן:** ווען ער האט געליינט א טיטל וואס מען האט אים געשריבן, האט ער זייער שטארק געזיפצט און געוויינט. און ער האט געזאגט, אז דאס איז א שטיקל מוסר ספר, דאס איז וואס ער וואלט אלץ געדארפט זיין.

**א׳ מהנוכחים:** ער האט געהייסען אז אין די תשובות זאל מען ארויסנעמען אלע טיטלען.

**אב״ד פריימאן:** ער האט געלאזט צוואה אז מען זאל אים נישט מספיד זיין, און מען האט אים יא מספיד געווען. אזוי ווי דער **נודע ביהודא** האט מספיד געווען דעם **פני יהושע** אפילו ער האט געלאזט צוואה אז מען זאל אים נישט מספיד זיין (עיין **בפתחי תשובה** יו״ד סימן שד״מ סק״א).

**אב״ד דזשיבוי:** די וועלט זאגט עפעס א מעשה מיטן **חתם סופר**, אז ווען זיין רעבעצין איז אוועק, איז זיין שווער, דער **רבי עקיבא איגר**, צוויי מאל געווען אין פרעשבורג. און דער **רבי עקיבא איגר** האט נישט געוואוסט, אז די טאכטער איז אים אוועק. איז די ערשטע מאל ווען ער איז געקומען, איז דער **חתם סופר** ארויסגעגאנגען און ער האט זיך פארשמועסט אין לערנען, און ער איז אפילו נישט אריינגעקומען אין שטוב. די צווייטע מאל האט שוין דער **חתם סופר** חתונה געהאט מיטן טיב גיטין׳ס אלמנה, און דעמאלטס איז אויסגעקומען אז ער איז אריינגעקומען אין שטוב. האט ער געזאגט פאר די רעבעצין, אז זי זאל אריינברענגען א טיי, און זי זאל פרעגן די דריי ווערטער וואס זי פלעגט פרעגן, ׳טאטע וואס מאכסטו׳. וכך עשאה, און ער האט גארנישט באמערקט.

איך האב געהערט דערויף א הוספה, אז די וועלט זאגט אויף דעם, אז זי האט געפרעגט, ווי אזוי קען איך זאגן א ליגענט. האט דער **חתם סופר** געזאגט, עס איז גארנישט, ער איז דער טאטע פון כלל ישראל.

לעצטענס האט **רבי אברהם יונה שווארץ שליט״א** (גאב״ד ווינא יצ״ו) געדרוקט דעם ספר **הליכות חנוך**, פון **רבי העניך פאדווא זצ״ל**, ברענגט ער דארט צום סוף, אז רבי העניך האט געזאגט, אז **הרב דושינסקיא זצ״ל**

האט געזאגט, אז די מעשה איז נישט אמת. פארוואס קען נישט זיין די מעשה אמת?

**רבינו:** איך האב געהערט נאך א הוספה צו די מעשה, און קען זיין אז אויף דעם האט ער געזאגט, אז עס איז נישט אמת. – אז די טאכטער פון **רבי עקיבא איגר** איז געווען געוואוינט אז ווען דער טאטע איז געקומען האט זי אים מקבל פנים געווען, און זי האט אים געגעבן די האנט. און דער **חתם סופר** האט געזאגט פאר די צווייטע רעבעצין, אז זי זאל אויך אזוי טון ווי די פריערדיגע רעבעצין. און אויף דעם איז דא דין ודברים, צו עס איז אמת (עיין **במאורן של ישראל** ח"א דף קמו).

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ועלה לביתו החדש של הר"ר **אהרן הערש עלבאגען** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' דברים הנוהגים בסעודה סימן קע"ז סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז נאכדעם וואס יעקב אבינו איז אויפגעשטאנען, האט ער גענומען דעם שטיין וואס ער האט זיך אראפגעלייגט, ויקח את האבן אשר שם מראשותיו, און ער האט עס געמאכט א מצבה פארן אייבערשטען, ויצק שמן על ראשה, און ער האט געגאסן דערויף אויל. און ער האט געמאכט א נדר, אם יהיה אלקים עמדי, ושמרני בדרך הזה וגו', והאבן הזאת אשר שמתי מצבה, יהיה בית אלקים (בראשית כח-יח), און ער וועט דארט מקריב זיין קרבנות. רש"י (דברים טז-כב) זאגט, ולא תקים לך מצבה אשר שנא ה' אלקיך, אז ווען א יוד וויל מאכן א מזבח פארן אייבערשטען, טאר ער נישט נעמען איין שטיין אליין, און עס אראפלייגען אז דאס זאל זיין א מזבח פארן באשעפער, צו גיסן דערויף שמן, און מקריב זיין קרבנות. אשר שנא ה' אלקיך, דער אייבערשטער האט עס פיינט. נאר וואס דען, זאגט רש"י, מזבח אבנים ומזבח אדמה תעשה לי (שמות כ-כא), אז מען וויל מאכן א מזבח, דארף מען צוזאמנעמען מערערע שטיינער, און בויען דערפון א מזבח, און אויף דעם קען מען מקריב זיין קרבנות. אבער א מצבה טאר מען נישט. וויל רש"י פארענטפערן, מען זעהט דאך אז יעקב אבינו האט יא מקריב געווען אויף א מצבה. זאגט רש"י, בימי אבות איז עס געווען אהובה, אין די צייטן פון די אבות איז עס געווען באליבט ביים אייבערשטען, אבער אזוי ווי די גוים האבן עס קובע געווען פאר א חוק פאר עבודה זרה, האט דער אייבערשטער געגעבן א איסור נאכדעם, ולא תקום לך מצבה, אז מען טאר נישט.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (קמג: ד"ה ויקח) זאגט זייער שיין, די תורה האט מקפיד געווען אז מען זאל נישט האבן א שטיין אליין, נאר עס מוז זיין געמאכט פון מערערע שטיינער. און עס איז נישט קיין קשיא, פארוואס יעקב אבינו האט געשטעלט איין שטיין אליין פאר א מצבה. וויל רש"י (כח-יא) זאגט, ויקח את האבן אשר שם מראשותיו, אז יעקב האט קודם גענומען מערערע שטיינער, און מען האט זיך געקריגט, יעדער האט געזאגט עלי יניח צדיק את ראשו, האט דער אייבערשטער געמאכט, אז פון די אלע שטיינער איז געווארן איין שטיין. קומט דאך אויס, אז דער איין שטיין אליין, איז אויך נישט א שטיין וואס איז ארגינעל איינס פאר זיך אליין, עס איז א חיבור פון מערערע שטיינער, און א מזבח איז דאך חביב ביים אייבערשטען. א שטיין וואס איז אליין, וויל נישט דער אייבערשטער אז מען זאל ברענגען א קרבן דערויף. די מצבה וואס יעקב האט געשטעלט, איז נישט קיין סתירה מיטן לא תקום לך מצבה וואס עס שטייט אין די תורה.

**און** ער גיט צו, אז ביי די איבריגע אבות געפונט מען בכלל נישט אז זיי האבן געשטעלט א מצבה. און ביי יעקב אבינו אליין געפונט מען אויך נישט מער ווי דאס איינע מאל וואס ער האט געשטעלט א מצבה. און די מצבה אליין איז געווען א חיבור פון אלע צוזאמען, איז ממילא האט ער עס געקענט מאכן. דער **חתם סופר** גייט אריין על פי דרכו, וואס איז דער חילוק, פארוואס א שטיין אליין נוצט נישט, און פארוואס מערערע שטיינער נוצט יא. פארוואס א מזבח מעג מען יא, און א מצבה נישט.

**מען** וואלט געקענט זאגען א געדאנק דערין. **עס זענען דא מענטשן וואס לעבן פאר זיך אליין, עס**

**אינטערעסירט אים נישט דער צווייטער. ער זאל האבן זיין פרנסה, ער זאל האבן זיין דירה, ער זאל האבן זיינע באקוועמליכקייטן. אויף א צווייטען, זאל זיך דער צווייטער זארגען. ער האט נישט קיין אחריות פאר א צווייטען יוד, אז יענער זאל אויך האבן אלעס, וואס ער וואלט געוואלט האבן פאר זיך. היפך פון ואהבת לרעך כמוך** (ויקרא יט-יח), **וואס א יוד דארף ליב האבן יענעם אזוי ווי זיך.**

**עס** איז שייך סיי אין גשמיות, און עס איז שייך אפילו אין רוחניות. **עס זענען דא מענטשען וואס ווילן שטייגען אליין, ער זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם און א עובד ה', אבער זיך אפגעבן מיט א צווייטען, לערנען תורה מיט א צווייטען, יענעם ארויסהעלפן, יענעם שטעלן אויף די פוס, דאס איז נישט זיין אפטיילונג, ער וויל אליין נתעלה ווערן. און דאס איז היפך פון יודישקייט, און פון וואס דער אייבערשטער וויל.** עולם חסד יבנה (תהלים פט-ג), דער אייבערשטער וויל, אז עס זאל זיין א וועלט וואס איינער זאל ארויסהעלפן דעם אנדערן. אנכי עומד בין ה' וביניכם (דברים ה-ה) שטייט אין הייליגע ספרים, 'אנכי' ווען א מענטש קוקט אלץ נאר פאר זיך אליין, 'עומד', דאס טוט אפשטעלן, 'בין ה' וביניכם', צווישן ענק און דעם אייבערשטען.

**די** גמרא (סוכה מט:) זאגט, אז עס איז דא חסד ביי תורה אויך. תורת חסד על לשונה (משלי לא-כו), וואס איז טייטש תורת חסד, ללמדה לאחרים, לערנען מיט א צווייטען. **מען בעהט קיינמאל נישט אין די תפלות, אז מען זאל זוכה זיין צו לערנען אליין, נאר יעדער יוד גיט אייביג צו 'ללמוד וללמד'. 'ללמוד' מען זאל אליין לערנען, 'וללמד' און מען זאל קענען לערנען א צווייטען. יעדער איינער וואס קען לערנען א צווייטען, דארף זיך אומקוקען אז א צווייטער זאל אויך קענען. אויף קינדער דארף מען זיך אומקוקען צו לערנען. און אז ער קען, דארף ער משפיע זיין אויף א צווייטען. א יוד דארף לעבן איינער פארן צווייטען.**

**א** מצבה איז איין שטיין אליין. דאס ווייזט אז 'ער' דינט דעם אייבערשטען, אבער קיינער איז נישט מחובר מיט אים צוזאמען. נאר ער אליין, איין שטיין, איין מענטש, ער דינט דעם באשעפער. א מזבח איז צוזאמגעשטעלט פון מערערע שטיקלעך, און דאס איז חביב ביים אייבערשטען, אז מען דינט נישט דעם אייבערשטען אליין. עס איז דא א חביבות ביים אייבערשטען מיט דעם וואס מען איז מצרף א צווייטען. דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה אז עס זאל זיין א מזבח, צו לערנען דעם מענטש, זיי דיך מחבר, זיי זיך כולל מיט אנדערע צוזאמען, און אזוי זאל מען דינען דעם אייבערשטען. וועגן דעם איז די מצוה, ולא תקים לך מצבה, אשר שנא ה' אלקיך, דאס האט דער אייבערשטער פיינט. א מזבח, א קיבוץ פון מערערע, דאס איז חביב ביים באשעפער.

**מען** דארף נישט האבן מער חביב ביים אייבערשטען ווי יעקב אבינו, וואס האט גענומען צוועלף שטיינער אקעגן די צוועלף שבטים. און די צוועלף שבטים, די צוועלף שטיינער, זענען געווארן איינס. דאס איז ממש אחדות פונעם גאנצן כלל ישראל זענען זיך צוזאמגעקומען ביי די שטיינער. דער שטיין איז חביב ביים אייבערשטען, פון דעם קען מען מאכן א מצבה, אפילו עס איז איין שטיין פאר זיך, ווייל דא איז דא א חיבור פון גאנץ כלל ישראל.

**די** גמרא (פסחים פח.) זאגט, אז אברהם אבינו האט גערופן דעם בית המקדש הר, יצחק האט אים גערופן שדה, יעקב האט אים גערופן בית. דער **מהרש"א** זאגט, אז דאס איז א רמז אויף די דריי בתי מקדשות. די ערשטע צוויי בתי מקדשות זענען חרוב געווארן, עס איז געבליבן א הר און א שדה, אבער די דריטע בית המקדש איז יעקב קראו בית, דאס איז דער בית המקדש השלישי, וואס וועט זיין א בית נצחי. פארוואס זענען חרוב געווארן די צוויי בתי מקדשים, זאגט די גמרא (יומא ט:), אז כאטש עס איז געווען תורה און עבודה און גמילות חסדים, איז דער צווייטער בית המקדש חרוב געווארן, משום שנאת חנם וואס איז געווען ביי יודען. מען האט זיך פיינט געהאט איינער דעם צווייטן, מען האט נישט געלעבט בשלום איינער מיטן אנדערן, מען האט זיך געקריגט, האט עס צוגעברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש. און אז מען וויל אז עס זאל ווערן צוריק אויפגעבויט דער בית המקדש, דארף מען האבן די מדה פון אהבה אחוה ושלום וריעות צום כלל ישראל, דעמאלטס וועט מען קענען זוכה זיין צו דעם בית וואס וועט בלייבן אויף שטענדיג.

**האט** יעקב אבינו געזאגט, 'והאבן הזאת אשר שמתי מצבה', די שטיין וואס איך האב געלייגט פאר א

מצבה, וואס דאס איז דאך א שטיין וואס אלע צוועלף שבטים זענען געווארן צוזאמען איין שטיק, איין מצבה, 'יהיה בית אלקים', אז מען וויל אז עס זאל זיין א 'בית' אלקים, עס זאל נישט זיין א הר אדער א שדה, נאר מען זאל זוכה זיין צום בית המקדש השלישי, איז דער אבן הזאת אשר שמתי מצבה, ווען גאנץ כלל ישראל וועלן זיך צוזאמקומען אינאיינעם, דעמאלטס וועט עס זיין א בית אלקים.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של הר"ר **שלמה זלמן לייפער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה אברהם ראזנער** הי"ו, שהתקיים באולם לעגאסי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **מנחם ברילל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חנני' דוב קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת וישלח***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק שטוהל** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

*

***יום שלישי פרשת וישלח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ראובן לעפקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה פארציילט די וואך, אז ווען בנימין איז געבוירן געווארן, איז רחל אמנו נסתלק געווארן, און זי האט אים א נאמען געגעבן, אז דאס קינד איז בן אוני. ואביו קרא לו בנימין, און יעקב האט אים א נאמען געגעבן בנימין (בראשית לה-יח). דער **רמב"ן** זאגט, אז זי האט אים גערופן בן אוני, אוני איז א לשון פון אבלות, בן אוני איז בן אבלי. ווען מען גייט אוועק פון די וועלט איז א זמן פון אבלות, און דאס קינד איז דעמאלטס געבוירן געווארן. זאגט דער הייליגער **רמב"ן** אז יעקב האט גענומען דאס זעלבע נאמען, בן אוני, און ער האט עס אויסגעטייטשט אנדערש. אוני איז אויך טייטש לשון כח, מען געפונט אין פסוק (בראשית מט-ג) כוחי וראשי אוני. עס איז טייטש כח, און עס איז טייטש אבילות. זי האט געזאגט, 'בן אוני' אז דאס איז בן אבלי, 'ואביו קרא לו', און דער פאטער האט גערופן דעם בן אוני, אז אוני מיינט נישט צו זאגן א לשון אבילות, נאר אוני מיינט א לשון פון כח. בן ימין, ימין ווייזט אויף כח גבורה והצלחה, די שטארקייט און די הצלחה פון א מענטש איז אין די רעכטע הענט, האט ער אים גערופן בן ימין. זאגט דער **רמב"ן**, אלע שבטים האבן געהייסען אזוי ווי די מאמע האט זיי גערופן. און אים האט זי גערופן בן אוני, און יעקב האט נישט געוואלט משנה זיין פון דעם נאמען וואס די מאמע האט אים גערופן, אבער ער האט אויסגעטייטשט דעם מאמע'ס נאמען, בן אוני, אויף בן ימין. אנשטאט לשון פון אבילות, האט ער עס אויסגעטייטשט אויף א לשון פון כח.

**דער חתם סופר** (בפרשתנו קפה. ד"ה ואביו) ברענגט צו דעם **רמב"ן**, און ער זאגט, אז זי האט אויך אזוי אינזין געהאט. בן אוני, איז נישט קיין לשון פון אבלות, נאר בן אוני דאס איז מיין כח. וואס איז דער כח? זאגט דער **חתם סופר**, רחל איז דאך יעצט נסתלק געווארן ווייל יעקב האט מקיים געווען כל התורה כולה אין ארץ ישראל, אבער נישט אין חוץ לארץ. און ער האט געהאט שתי אחיות, ממילא ווען ער איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, איז רחל נסתלק געווארן. ווי אזוי איז דאס, אז יעקב האט גענומען שתי אחיות? נאר ער האט דאך געוואלט נעמען רחל, אבער לבן האט אים אויסגענארט און געגעבן לאה. און רחל האט איבערגעגעבן די סימנים פאר לאה, און דורך דעם וואס זי האט איבערגעגעבן די סימנים פאר לאה האט ער גענומען לאה, און זי איז געווארן די צווייטע. איז ממילא קומט אויס, מוז זי יעצט אוועק פון די וועלט, וועגן די איסור פון שתי אחיות.

**דאס** אז מען זאל האבן די כוחות איבערצוגעבן די סימנים פאר לאה, דאס איז בן אוני. עס איז א געוואלדיגער כח, אז א מענטש זאל קענען זיך צוריקהאלטען, און אוועקגעבן איר זיווג וואס איז געווען פאר איר צוגעשריבן. אזא זיווג ווי יעקב קען זי נישט טרעפן נאך איינס, און פון דעסטוועגן דאך האט זי עס אוועקגעגעבן פאר די שוועסטער. האט זי געזאגט 'בן אוני', דאס איז א קינד וואס האט צוטון מיט מיין כח וואס איך האב געהאט זיך מתגבר צו זיין אויפן יצר, און איך האב אוועקגעגעבן פאר לאה אנשטאט מיר. און דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז איך בין די צווייטע, און עס איז דא יעצט א איסור פון שתי אחיות, און איך גיי וועגן דעם אוועק פון די וועלט. האט זי אים אויך גערופן 'בן אוני', אויפן כח.

**מען** קען צוגעבן דערצו א ווארט. דער אמת איז, אז ווען מען טוט אמאל א טובה פאר יענעם, **'וואס מען טוט פאר יענעם, טוט מען פאר זיך אליין'**. רחל האט געמיינט, אז זי האט אויפגעגעבן איר וועלט, ווען זי האט אוועקגעגעבן איר שידוך פאר לאה. אבער דער אמת איז, אז רחל איז געווען א עקרה בטבע, זי האט נישט געקענט האבן קיין קינדער, און אז זי זאל חתונה האבן צו יעקב, בלייבט זי אן קינדער, אן דורות. אבער אזוי ווי זי האט אוועקגעגעבן לאה פאר יעקב, שטייט אין פסוק די פאריגע וואך אין די פרשה (בראשית ל-כב), ויזכור אלקים את רחל, וישמע אליה אלקים, ויפתח את רחמה. און רש"י זאגט, וואס איז דער ויזכור אלקים את רחל. זכר לה שמסרה סימניה לאחותה, דער אייבערשטער האט געדענקט, אז זי האט איבערגעגעבן די סימנים פאר איר שוועסטער, און וועגן דעם האט זי שפעטער זוכה געווען צו האבן קינדער. קומט אויס, אז דאס וואס זי האט געמיינט, אז זי האט אוועקגעגעבן איר לעבן פאר לאה, צום סוף האט זיך עס אויסגעשטעלט פונקט פארקערט, אז דורכדעם האט זי זוכה געווען, אז זי זאל קענען האבן קינדער.

**האט** זי געזאגט, דאס וואס עס איז געבוירן געווארן בנימין, אז איך האב געהאט א קינד, דאס איז בן אוני, דאס נעמט זיך פון דעם כח וואס איך האב געהאט דעמאלטס, ווען איך האב אוועקגעגעבן יעקב פאר לאה, און איך האב געקענט זיין א גיבור הכובש את יצרו, דאס איז די פירות וואס דער אייבערשטער האט מיר באצאלט. דאס איז בן אוני, דאס איז א קינד וואס איך האב זוכה געווען דורך די כח וואס איך האב געהאט זיך מתגבר צו זיין, און אוועקגעגעבן יעקב פאר לאה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **יצחק מאיר** נ"ו בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסבו"ג), עב"ג בת הר"ר **שלום ווייס** הי"ו.

*

***יום רביעי פרשת וישלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הגה"צ **רבי צבי אויש שליט"א** אב"ד וואלקאן, עב"ג בן הרה"ג **רבי אהרן טייטלבוים שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד סאטמאר 15 עוו. שליט"א), שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **צבי ברייער** נ"ו, שהתקיים באולם סעליש.

*

***יום חמישי פרשת וישלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **צבי ברייער** נ"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל

תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ליפא נייהויז** ע"ה, ואצל משפחת פאנעט שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **שמואל אליעזר פאנעט** הי"ו).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא. בתוך השיעור דיבר **רבינו שליט"א** בענין גלות ישראל בין האומות, וקורות הדורות בזה.

***וזה תוכן הדברים:***

**דער בית הלוי** זאגט אויפן פסוק (בראשית לב-יב) הצילני נא מיד אחי מיד עשו, אז עס איז דא צוויי וועגן ווי אזוי עשו וויל אונטערדריקען יעקב. אמאל קומט ער, ער ווייזט אפען דעם הלכה בידוע שעשו שונא ליעקב. ער רודפ'ט יודען, איך בין עשו און דו ביסט יעקב, איך האב דיר פיינט, און ער טוט אויסטיילען צרות פאר כלל ישראל וואו מען קען. נאכדעם איז דא א צווייטע וועג ווי אזוי ער קומט אונטערצוברענגען כלל ישראל, ער חבר'ט זיך מיט אים, ער מאכט זיך ווי א גוטער פריינט, און צוביסלעך צוביסלעך ווערט מען נאנט צו עשו, און עס קלעבט זיך אן אביסל פון די רשעות פון עשו.

**מען** זעהט שפעטער ווען עשו האט געטראפן יעקב, האט אים עשו געוואלט בייסן, און דער ביס איז נישט געגאנגען, עס איז געווארן הארט ווי א שטיין, האט ער אים געקישט (ב"ר עח-ט). עס גייט עפעס אזוי שנעל, אדער א בייס אדער א קיש? עס איז זייער א גרויסער טויש פון איין מינוט אויפן צווייטן. נאר עשו האט געזוכט א וועג, ווי אזוי מכניע צו זיין יעקב. און ער קען עס טון אויף צוויי וועגן, אדער וועט ער אים בייסן, דעמאלטס איז אוודאי גוט. און אויב ער לאזט זיך נישט בייסן, וועט מען אים קישן, מען וועט ווערן גוטע חברים, מען וועט ווערן גוטע פריינט מיט יעקב, און צוביסלעך וועט יעקב פאלען פון זיין מדריגה, און ער וועט ווערן אזוי ווי עשו.

**זאגט** דער **בית הלוי**, יעקב אבינו האט מתפלל געווען, 'הצילני נא', זיי מיך מציל, 'מיד אחי', אמאל קען זיין אז ער גייט קומען צו מיר, און ער גייט בלייבען אזוי ווי א ברודער. נישט ער גייט מיר אויסשפילען, נאר ער גייט מיר בלייבען א גוטער חבר, מיר וועלן זיך חבר'ן צוזאמען, ער וועט זיין מיין ברודער. און 'מיד עשו', אמאל קען זיין אז ער קומט ווי א עשו, ער ווייזט ארויס זיין רשעות.ביידע איז נישט גוט, סיי ווען ער ווייזט ארויס זיין רשעות, און די זעלבע איז ווען ער קומט באהאלטן מיט זיין רשעות, און ער וויל זיך חבר'ן, איז אויך א צרה פאר יודען.

**מען** ווייסט אז נאפאליון האט געפירט גרויסע מלחמות, און צום סוף האט ער געזיגט. די דעמאקראטיע וואס איז היינט דא אין די וועלט, די פרייהייט וואס יודען האבן באקומען, על כל פנים אין געוויסע חלקים, איז אלעס צו פארדאנקען פאר אים. ער איז געווען דער ערשטער וואס האט דאס איינגעפירט. זייט דעם חורבן פונעם בית המקדש, זענען יודען געווען אונטערדריקט איבעראל וואו זיי זענען געווען, זיי האבען נישט געהאט די זעלבע רעכטן. מען איז געווען אין גלות, א יוד איז געווען א פרעמדער, מען האט געוואוסט אז די באלאנגסט נישט דא. דו קומסט פון ערגעץ אנדערש, און דו האסט זיך באזעצט דא אין אונזער מקום. און מען האט געבעטען שטייער, און מען האט באגרעניצט יודען אז זיי זאלן נישט וואוינען נאר אין עקסטערע געטא'ס פאר זיך. דאס איז אלעס געווען פונעם חורבן בית המקדש אן, כמעט אין אלע מקומות איז אזוי געווען. ביז נאפאליון איז געקומען, און ער האט געגעבן פרייהייט פאר יעדן איינעם, אז יעדער בירגער אין די לאנד, נישט קיין חילוק א יוד אדער א גוי, קען זיך פירן ווי אזוי ער וויל, און מען וועט אים נישט שטערן.

**ווען** ער האט געפירט די מלחמות, איז געווען א גרויסע מחלוקת ביי די צדיקים, צו ער זאל געווינען צו נישט. עס זענען געווען צדיקים וואס האבן געהאלטן אז נאפאליון זאל געווינען. רוסלאנד שטייט אויפן דת, און זיי שלאגן זיך מיטן דת, אז יודען זאלן זיך נישט פירן על פי תורה, און נאפאליון האט געזאגט אז ער גיט פרייהייט, מען קען זיך פירן על פי תורה. אויסענווייניג קוקט עס אויס, אז עס איז א געוואלדיגע טובה וואס ער וויל טון. און עס זענען געווען צדיקים, דער **קאזניצער מגיד זי"ע**, און דער **תניא זי"ע**, וואס זענען געווען שטארק

דערקעגן, און זיי האבן מתפלל געווען אז נאפאליון זאל האבן א מפלה. זיי האבן געזאגט, אז דאס וועט ברענגען נאכדעם אסימילאציע ביי יודען. עס איז גאנץ גוט אז יודען זענען אין גלות, און מען איז אפגעטיילט (עיין **בדרכי חיים ושלום** אות תנג באריכות).

**און** אזוי האט טאקע געוויזען די מציאות, אז זייט דעמאלטס איז כלל ישראל אונטערגעגאנגען כמעט אינגאנצן. איך האב אמאל, הושענא רבא, געהערט פנעם **סאטמארער רב זצ"ל**, ער האט גערעדט פונעם מצב פונעם דור, האט ער געזאגט, ניינציג פראצענט פון יודען זענען אוועקגעגאנגען פון דרכי התורה, און פון די צען פראצענט וואס איז יא דא, וויל איך נישט רעדן ווי אזוי זיי זעהען אויס. ער האט ארויסגעברענגט די ווייטאג פון כלל ישראל.

**ווען** עס איז נישט געווען די פרייהייט, האבען יודען געוואוינט אין געטא'ס, און עס איז נישט געווען אזא זאך אז ער זאל קענען זיין א האלבער יוד. ער איז א מחלל שבת, און ער איז א יוד אויך. ער קומט אין בית המדרש, און עפעס האלט ער, און עפעס האלט ער נישט. עס איז נישט געווען דער מציאות דערפון. ער האט זיך נישט געקענט דרייען ביי א גוי, ווייל דער גוי האט אים אויסגעשפיגן. אדער איז ער געבליבן א יוד, אדער האט ער זיך געמוזט שמד'ן. וויבאלד דו ביסט א יוד קענסטו נישט זיין ביי א גוי, האט ער געמוזט וואוינען אין א געטא פון יודען. וואוינען אין דער געטא פון יודען איז דער טייטש, אז דער פלאץ איז אונטער א רב. מען איז געווען מיט די חברותא צוזאמען, און אז מען איז געווען מיט די חברותא צוזאמען, האט ער נישט געקענט טון וואס ער האט געוואלט. ער באלאנגט צו איין קהלה, איין פלאץ, ער האט זיך נאר געקענט פירן ווי מען דארף. און טאמער ער האט זיך נישט געפירט ווי מען דארף, האט מען געררודפ'ט, האט ער נישט געקענט בלייבען דארט. און ער האט נישט געקענט איבערלאזן אויך נישט, ווייל דער גוי האט אים נישט אריינגענומען. ער האט נישט געקענט ארויסגיין וואוינען ערגעץ אנדערש. איז כמעט נישט געווען א מחלל שבת בפרהסיא, אפשר ביי זיך אין שטוב ווי קיינער האט נישט געזעהן. אבער ווען עס איז געווארן פרייהייט, קען מען דאך וואוינען וואו מען וויל, איז מען ארויסגעגאנגען וואוינען דא און דארט, און מען האט שוין נישט געהאט אויף זיך א אימה פון די קהלה ארום און ארום, האט אנגעהויבען צו פאלען שטיקער. די השכלה האט זיך אזוי אנגעהויבען, און אזוי איז כלל ישראל אונטערגעגאנגען. - דאס איז דער הצילני נא מיד אחי מיד עשו, אמאל קומט ער אזוי ווי עשו, ער ווייזט ארויס זיין שנאה פאר יודען, און אמאל מיד אחי, ער גיט פרייהייט, לאמיר לעבן ווי צוויי ברודערס צוזאמען.

**מען** זאגט נאך א משל פונעם **חתם סופר זי"ע**, אז דער ווינט האט זיך אמאל געוועהט מיט די זון, ווי אזוי מען נעמט אראפ די פעלץ פון דעם מענטש וואס גייט אויפן גאס. האט די ווינט געזאגט, אז ער האט א גוטע עצה, ער וועט מאכען א שטארקע ווינט, און ער וועט אראפבלאזן די פעלץ וואס דער מענטש האט. האט דער זון געזאגט, נו, לאמיר זעהן וואס דו טויגסט. האט ער אנגעהויבן צו מאכן א ווינט, און ווי שטערקער די ווינט איז געווארן, האט דער מענטש געמומען די פעלץ, און ער האט זיך נאך מער איינגעוויקלט דערין, ער זאל ווערן נאך ווארימער. אז ער זאל אראפווארפען די פעלץ, איז נישט געווען קיין רעדע. איז ער אדורכגעפאלען און ער האט נישט געקענט אראפנעמען די פעלץ, מיט די גרעסטע ווינטן וואס איז געווען. האט די זון געזאגט, איך וועל דיר ווייזען עפעס אנדערש. ער האט אנגעהויבען צו שיינען, עס איז געווארן ווארעם, און נאך מער ווארימער, ער האט אנגעהויבן צו שוויצן, האט ער זיך קודם געעפענט די פעלץ, ביז ער האט אראפגעווארפען די גאנצע פעלץ פון זיך פון די היץ.

**האט** דער הייליגער **חתם סופר** געזאגט, אלע אומות העולם שטייען אויף אויף יודען, דאס איז אזוי ווי ווינטען, זיי ווילען אוועקנעמען פון יודען די תורה. און ווען עס קומט א ווינט, נעמט מען די פעלץ און מען איז זיך נאך מער מתחבר. וואו עס איז געווארן צרות פאר יודען, האט מען זיך אלץ געשטארקט אין תורה. איז געקומען די פרייהייט, און עס האט געמאכט לעכטיג, עס האט געמאכט ווארעם. אזוי עס איז ווארעם, האט מען אנגעהויבן צוביסלעך אויסצוטון די בגד, נאכמער אויסגעטון, ביז מען האט עס אויסגעטון אינגאנצן. - דאס איז דער הצילני נא מיד אחי מיד עשו, אמאל קומט ער אזוי ווי 'אחי', און אמאל קומט ער אזוי ווי 'עשו'.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמחה ראזענפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **זכריה מנחם שטיינמעץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף יצחק גאלדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אהלי מנחם (קראון הייטס). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **נפתלי צבי לאנדא** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **זושא לייב ענגלענדער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת וישלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמחה ראזענפעלד** ני"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת וישלח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי דוב בער ממעזריטש זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום י"ט כסלו). בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **חיים מאיר כ"ץ** ני"ו.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **ברוך צבי הארענשטיין** הי"ו (חתן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי** שליט"א דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג). אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי יהודא יחיאל שיינפעלד שליט"א** מטאלטשווא ירושלים בברכת המזון.